LIVING TORAH

# פרשת וישב

## משיחת י"ט כסלו ה'תשמ"ה

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

וואָס לערנט מען אפ פון דעם פסוק בנוגע צו דער עבודה מיט זיך אליין?

זאָגט די גמרא אין מסכתא ברכות גלייך אין אנהויבס, און טייטשט אפ: "פדה בלשום נפשי מקרב לי כי ברבים היו עמדי", אַז דאָס מיינט "העוסק בתורה וגמילות חסדים ומתפלל עם הצבור".

וואָס אין דערויף איז דאָך דער דיוק: ניט "**הלומד תורה**" וכיו"ב, נאָר "**העוסק בתורה**". טייטשט דאָך אפ נשיא דורינו, דער רבי דער שווער, אַז זיין פארבונדקייט מיט תורה דאַרף זיין, כביכול, ווי ער איז פארבונדן מיט אן עסק:

בשעת א איד האָט א פרנסה פון אן עסק שלו, און אין דערויף איז ער זיך עוסק, איז ניט דער סדר איז, אַז ער זיצט בא זיך אין דער היים, און וואַרט ביז וואַנענט עס וועט קומען צוגיין צו אים א מענטש און זאגן: הער זיך איין, אַזוי ווי איך דאַרף האבן די און די סחורה, אפרש האסטו אָט די סחורה? וועט ער זיך דעמולט אויפכאפן פון שלאף, און וועט ארויסגיין פון [דער] היים, און וועט אים אוועקפירן צו זיך אין קלייט, און באווייזן אים, אַז דארט איז דא אָט די סחורה!

ניט דאָס איז דער סדר פון עסק!

דער סדר פון עסק איז – אַז ער גייט **זוכן** א קונה! און אַז ער איז זיך משתדל **ליפות את סחורתו**; מסביר זיין אים די **גוטסקייט** פון זיין סחורה, און די **שיינקייט** פון זיין סחורה, און ווי אַזוי די סחורה איז גוט פאר דעם מיט וועמען ער קומט בדברים (מיט וועמען ער קומט אין פארבינדונג),

און מסביר זיין דאָס אים איין מאל און א צווייטן מאל און א דריטן מאל, און ווערט ניט מיד, ביז וואַנענט ער וועט פועל זיין ביי אים אַז ער וועט קויפן זיין סחורה, אָט דאָס איז דער ענין העסק.

אן ענין העסק האָט אויך אין זיך אָט דעם ענין אַז ער קוקט ניט אויפן זייגער:

בשעת ער טראַכט אין טאָג וועגן זיין עסק – איז אפילו ווען ער שלאפט – **חלומ'ט** זיך אים דער עסק!

און אָט דאָס זאָגט מען, "העוסק בתורה", אַז ניט ער איז מערניט ווי א לומד תורה, במילא האָט ער זיך געפונען א היתר פון "פרק אחד שחרית ופרק אחד ערבית". און די גמרא זאָגט אין מנחות, אַז דעמולט איז ער יוצא מיט "לא ימיש ספר התורה הזה מפיך יומם ולילה",

וואָרום דאָס איז ניט א זאַך וואָס ער דאַרף מקיים זיין א מצוה וואָרום ער איז אן עבד, האָט ער קיין ברירה ניט, און אַזוי איז "עבדא **בהפקירא** ניחא לי" – אָט דאָס ווערט זיין "**עסק**",

און דערנאָך זאָגט מען: "ובגמילות חסדים", זיין טאָן אין גמילות חסדים, אין אן אופן פון "**העוסק**" בזה,

ניט ער וואַרט ביז וואַנענט דער עני שעמט זיך אפ, און האָט קיין ברירה ניט, און קומט צוגיין בבושת



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת וישב

פנים און זאָגט אים, אַז ער דאַרף מחי' זיין נפשו ונפש בני-ביתו – ניט דאָס איז דער ענין פון גמילות חסדים !

דער ענין פון גמילות חסדים איז – אַז ער קען ניט רוען, אפשר איז דא א מענטש בסביבתו וואָס האָט ניט וואָס צו עסן, אדער ער האָט וואָס צו עסן, אָבער האָט ניט וואָס אנצוטאָן. ער האָט וואָס צו עס און וואָס אנצוטאן – ס'איז אָבער **שלא לפי כבודו**,

איז אָט דעמולט ווערט דאָס "אשר קרהו", ווי נשיא דורנו טייטשט דעם לשון אין דער מגילה, דאָס איז ניט א זאַך וואָס עס פעלט ביי א צווייטן, במילא שלאפט ער רואיק, ביז וואַנענט דער צווייטער וועט צו אים קומען צוגיין און וועט אים אויפוועקן פון שלאף, און זאגן אים: הער זיך איין, ס'איז דערגאנגען צו אזא מעמד ומצב, אַז איך מוז פון זיך אפשעמען, און קומען צוגיין צו דיר בעטן א נדבה; בעטן צדקה,

נאָר ער דאַרף זיין "**העוסק בגמילות חסדים**".

דערביי איז אָבער דער סדר אין תורה איז אויך [תורה], אַז די התחלה הויבט זיך אן פון "**העוסק בתורה**",

ווי דערמאנט פריער: אויב ער וועט אנהויבן די התחלה פון "עוסק בגמילות חסדים", ניט דערפאַר וואָס תורה הייסט דאָס – ווייס מען ניט צו וואָס ער וועט צוקומען , ווי דערמאנט פריער בארוכה,

און ווי מ'האָט דאָס געזען. איך האב גראדע דעמאָלט געלעבט אין דייטשלאנד, איז דעמולט, בשעת מ'האָט רח"ל געפראוועט די אַלע מיתות משונות בנוגע צו בני אדם, זיינען דארט געווען כו"כ חברות פון "צער בעלי חים"! וואָס האבן ניט געקענט פארטראגן מ'וועט מאטרען א קאץ אדער א הונט, מוועט זיי ניט געבן דעם עסן בעיתם ובזמנם,

און דער וואָס האָט זיך ניט אַזוי געפירט מיט זיין קאץ אדער מיט זיין הונט, האבן זיי געטאן התלוי בהם – מ'זאָל אים ארייגזעצן אין תפיסה, און צונעמען דעם קאץ און דעם הונט, און באווארענען זיי מכספי הממשלה!

**בשעת מעשה** – אדער מיט א שעה פאר דעם אדער מיט א שעה נאכדעם – האבן זיי געטאן בנוגע צו בני אדם – **פונקט דעם היפך**!

און אויך דער היפך אין אן אופן פון "**העוסק**"! ווי מ'האָט דאָס געזען **דעמולט**, ובפרט די וואָס האבן זיך דעמולט געפונען במדינה ההיא, און ס'איז ניט געווען דער טייטשט, [אַז] בשעת ער איז געזעצן אין זיין משרד, צי דאָס איז געווען משטרה וכיו"ב, האָט ער געטראכט ווי אַזוי אנצוטאן צרות אזא וואָס ער איז ניט פון זיין מפלגה, אדער עאכו"כ אויב ער איז א איד – נאָר דאָס איז געווען **כל מעיינו**, אפילו בשעת ער איז געזעסן ביי זיך אין דער היים.

וואָס דערפאַר איז דער סדר איז, אַז צום אלעם ערשטן הויבט זיך אן "**תורה**", און עס הויבט זיך אן "**העוסק בתורה**", און אָט דעמולט איז מען **זיכער** אַז עס וועט זיין אויך "**ובגמילות חסדים**" – דער עסק בגמילות חסדים אין גמילות חסדים אמיתיים.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

© 2002 Jewish Educational Media, Inc.